**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/27/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק׳ס דריטע ים-ווינט ענערגיע פארבעטונג אויף צו פארשנעלערן ריינע ענערגיע דעוועלאפמענט**

***זוכט צו איינשאפן וויניגסטנס 2,000 מעגעוואַטס פון באנייבארע ענערגיע, גענוג צו באקרעפטיגן 1.5 מיליאן וואוין-ערטער***

***פירט איין לאנד-וועגווייזיגע 500 מיליאן דאלערדיגע ים-ווינט ענערגיע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג***
***נייע פארשפרעכונגען צו שטיצן אמעריקאנע אייזן און שטאל, סטעיקהאָלדער באשעפטיגונג, דזשאָבס, און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג***

***פאנטעגער טראנסמיסיע אויסשטעל פארבעסערט גריד ווידערשטאנד-פעאיגקייטן און העכערט ראיאנישע ים-ווינט ענערגיע טראנסמיסיע אויסשטעל***

***שטיצט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט ציל צו אנטוויקלען 9,000 מעגעוואַט פון אָף-שאָר ווינט ביז 2035***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס ארויסגעבן ניו יארק׳ס דריטע פארמעסטערישע ים-ווינט ענערגיע [פארבעטונג](), זוכנדיג גענוג ריינע, באנייבארע ענערגיע קראפט צו באקרעפטיגן וויניגסטנס 1.5 מיליאן ניו יארקער וואוין-ערטער. די איינשאפונג, אנגעפירט דורך דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, רעכנט אריין די ערשטע פאזע פון דעם לאנד-וועגווייזיגן 500 מיליאן דאלערדיגן אינוועסטירונג אין ים-ווינט ענערגיע פּאָרטס, פאבריצירונג, און סופליי-טשעין אינפראסטרוקטור ווי געמאלדן אין דעם גאווערנער׳ס 2022 [סטעיט אָוו דע סטעיט](). די היינטיגע מעלדונג בויט אויף א סעריע באדייטנדע ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונגען פאר׳ן סטעיט אין 2022, אריינגערעכנט די אנהויב פון ארבעט פון ניו יארק׳ס ערשטע ים-ווינט ענערגיע פראיעקט, און איז א קריטיש-וויכטיגע קומענדע טריט צו דערגרייכן ניו יארק׳ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (קלימאט אקט) ציל אויף צו אנטוויקלונג 9,000 מעגעוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז 2035.

״ניו יארק שטאלצירט זיך צו ווייטער פירן דעם וועג אין ים-ווינט ענערגיע דעוועלאפמענט און גלייכצייטיג אוועקשטעלן א בלופרינט פאר׳ן בויען אן ארטיג-באזירטער גרינע עקאנאמיע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״היינט טוען מיר למעשה און קלאר מאכן אז ניו יארק סטעיט איז דער נאציאנאלער האָב פון דעם ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע. די ריינע ענערגיע טראנזיציע טרייבט באדייטנדע פריוואטע אינוועסטירונג און פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע דזשאָבס אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט, און מיר שטעלן זיך אוועק פאר סוקסעס מיט א ליכטיגערן און מער שטאנדהאפטיגן צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג פרעזידענט און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״ארויסגעבן אונזערע דריטע ים-ווינט ענערגיע פארבעטונג פארזארגט א ווייטערדיגע געלעגנהייט צו רעוואלוציאניזירן אונזער עקאנאמיע און זעצט פאר ווייטער דאס בויען א בליענדער ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע הארט דאהי אין ניו יארק אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו מאכן וואקסן אונזער לאנד-וועגווייזיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקט רערן-ליניע. מיר זעצן פאר ווייטער צו פריאריטיזירן א טראנזיציע וואס איז קאסט-גינציג, ענווייראנמענטאלע פאראנטווארטליך, און איז א טובה פאר אלע ניו יארקער — און מיר קוקן ארויס זיך אנצושליסן מיט פראיעקט אנטוויקלער וועלכע זענען מיט אונז פאראייניגט אין די זעלבע צילן.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״בויען א ריינערע, מער שטאנדהאפטיגע, און ווידערשטאנד-פעאיגע ניו יארק, פאדערט זיך דרייסטע שריטן וועלכע העלפן אונז דערגרייכן אונזער אמביציעזע קלימאט צילן. א קריטיש-וויכטיגער טייל פון דעם באמיאונג איז ים-ווינט ענערגיע און ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע ארבעט צו פארזיכערן אז אינדוסטריע זעצט פאר ווייטער צו וואקסן אין אונזערע קאמיוניטיס, שאפנדיג דזשאָבס און פארזארגן ריינע, באנייבארע ענערגיע פאר פילע יארן אינ׳ם צוקונפט.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״ניו יארק איז דער לאנד׳ס פירנדע ים-ווינט ענערגיע האָב און די היינטיגע מעלדונג פירט פאראויס אונזער אמביציעזע ריינע ענערגיע צילן. מיר זענען פארשפראכן צו ריינע ענערגיע און פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפטן וועלכע וועלכס וועט טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און וואוקס און גלייכצייטיג פירן ניו יארקער צו א גרינערן צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר ווידער-ענערגיזירן אונזער דרייסטע, לאנד-וועגווייזיגע פארברייטערונג פון ניו יארק סטעיט׳ס ריינע ענערגיע סעקטאר. דורך שטעלן אלס הויפט ציל אנגענומענע געהאלט און לעיבאָר אפמאכן, שאפן מיר שטארקע קאריערע געלעגנהייטן פאר ניו יארקער איבער׳ן סטעיט און זיך האלטן טריי צו אונזער אונטערנעמונג פון א פאראנטווארטליכע און יושר׳דיגע טראנזיציע.״

אלס דער לאנד׳ס פירנדע האָב פאר ים-ווינט ענערגיע, זוכט ניו יארק סטעיט צו איינשאפן וויניגסטנס 2,000 מעגעוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע דורך א פארשידנארטיגע ריי פראיעקט פארשלאגן און גלייכצייטיג איוסניצן פובליק און פריוואטע קאפיטאל צו בויען א פעסטע סופליי-טשעין. אין צוגאב צו דער ערשטער פאזע פון דעם סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין פאָרטס, פאבריצירונג און סופליי-טשעין אינפראסטרוקטור, נאך מערקווירדיגע פראוויזיעס אינערהאלב די פארבעטונג רעכענען אריין:

- אפירבערענגען אן ערשט-פון-איר-סארטיגע ״מעש-גרייט״ ים-ווינט ענערגיע טראנסמיסיע איוסשטעל, לויט רעקאמענדאציעס פון דעם ניו יארק סטעיט עלעקרישע קראפט גריד שטודיע, וואס וועט פארמיטלען ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן׳ס טראנזיציע צו א צוקונפטיגע סיסטעם וואס קען וואקסן במשך די צייט און פארזארגן מער פארלעסליכקייט און בייגזאמקייט און גלייכצייטיג איופשטעלן ניו יארקער אויף זיך צו שפארן אומגעפער 55 ביז 60 מיליאן דאלער יערליך;
- איוסטיילן אפשאצונג פונקטן פאר ווידער-צוועקן עקזיסטירנדע דאונסטעיט פאסיל-באזירטע עלעקטריש איופטרייבונג אינפראסטרוקטור און איוסניצן ענערגיע סטאָרעדזש צו פארשטערקערן צוקונפטיגע סיסטעם פארלעסליכקייט און שטיצן מער באנייבארע ענערגיע איופ׳ן גריד;

- באטאנענדיג אין-סטעיט פאבריצירן, אריינגעמיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג און קלימאט יושר'דיגקייט, שטיצן באציאונגען מיט ניו יארק׳ס ארבעטסקראפט אריינגערעכנט קאנסטרוקציע געשטיצט דורך אנגענומענע געהאלטן און מוטיגן פראיעקט לעיבאר אפמאכן;
- אין העכערן די כוונה פון דעם ניו יארקער ׳קויפט אמעריקאנע׳ אקט, שטעלט דער פארבעטונג א מינימום יו-עס אייזן און שטאל איינקויף פאדערונג פאר אלע פראיעקטן אויסגעטיילט אונטער די פארבעטונג צו מוטיגן אין-לאנדישע שטאל פראדוקציע און פאדערן פון דעוועלאפערס צוצושטעלן געלעגנהייטן פאר אמעריקע-באזירטע שטאל פארזארגער אויף אנטיילצונעמען אין דעם אויפשטייגנדן ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע;
- פארשטערקערן סטעיקהאָלדער פארבינדונג, דערשפירן, און פאדערונגען פאר ניו יארקער דזשאָבס; און
- אנהאלטן שטיצע פאר פאראנטווארטליכע אנטוויקלונג דורך ענווייראנמענטאלע און פישעריי לינדערונג פלענער און די פאדערונגצו שטיצן נאכשפירן פישערייען און באשעפעניש-וועלט צו בעסער פארשטיין די אינטעראקציעס מיט ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן.

פאראינטערעסירטע פארשלאגער קענען זיך ווענדן אויף NYSERDA׳ס ים-ווינט ענערגיע פארבעטונג בלאט. פארשלאגן דארפן אריינקומען ביז דעצעמבער 22, 2022, ביז 3:00 נאכמיטאג. א וועבינאר וועט געהאלטן ווערן אום אוגוסט 23, 2022, 10:00 אינדערפרי צו פארזארגן מער אינפארמאציע אויף דער פארבעטונג. פאראינטערעסירטע אין דעם וועבינאר קענען זיך איינשרייבן דא, און ווערן געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן און אריינגעבן פראגעס פון פאראויס צו דעם offshorewind@nyserda.ny.gov.

צו פארזיכערן אז דער איינשאפונג פירט פאראויס ניו יארק׳ס ים-ווינט ענערגיע צילן אין א דורכגעטראכטע, קאסט-גינציגע און ענווייראנמענטאל פאראנטווארטליכע שטייגער פאר׳ן בענעפיט פון אלע ניו יארקער, איז א ערשטע ווערסיע פון דער פארבעטונג ארויסגעגעבן פאר פובליק קאמענטארן אין מערץ 2022 און דערנאך א ׳פארלאנג פאר אינפארמאציע׳ אין מאי 2022, מיט איבער 1,300 קאמענטארן ערהאלטן. NYSERDA האט איינגעגלידערט די צוריקזאג ערהאלטן אין די פארבעטונג.

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** ״ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג איז נייטיג אויף צו בויען א ריינע ענערגיע עקאנאמיע און באקעמפן קלימאט ענדערונג. די היינטיגע מעלדונג איז א באגייסטערדיגע און קריטיש-וויכטיגע טריט צו רעדוצירן אונזער סטעיט׳ס אפהענגיגקייט אויף פאָסיל-ברענשטאף און ערגרייכן די צילן פארגעשטעלט אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג וועט ווייטער פארשטערקערן ניו יארק׳ס עקאנאמיע דורך ברענגען גוט-באצאלטע דזשאָבס צו קאמיוניטיס וואס נייטיגן זיך אין זיי דאס מערסטע. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול און NYSERDA פאר׳ן פארזעצן פאראויס-פירןניו יארק׳ס גרינע עקאנאמיע און שטיצן באנייבארע ענערגיע געלעגנהייטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל קוסיק האט געזאגט,** ״ים-ווינט ענערגיע קראפט איז קריטיש-וויכטיג בשעת מיר ארבעטן צו ערגרייכן אונזער סטעיט׳ס אמביציעזע ענערגיע צילן. אונזער אנגייענדע אינוועסטירונג אין ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג וועט פארזעצן ווייטער צו טרייבן פאראויס אונזער ענערגיע גריד בשעת מיר ציען זיך אריבער צו דעם ריינעם ענערגיע גריד פון דעם צוקונפט. די היינטיגע מעלדונג צייגט ניו יארק סטעיט׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו ערגרייכן אונזער אמביציעזע צילן און צו פארזארגן ריינע און פארלעסליכע ענערגיע צו אלע ניו יארקער.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיטס קלימאט געזעץ שטעלט אוועק אגרעסיווע, לעגאל-געפאדערטע צילן אריבערצופירן ניו יארק׳ס עקאנאמיע פון פאָסיל-ברענשטאף צו באנייבארווארג. דער געזעץ פאדערט פון ניו יארק צו רעדוצירן עקאנאמיע-ברייטע גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונג 40 פראצענט ביז 2030 און נישט ווייניגער ווי 85 פראצענט ביז 2050. ים-ווינט ענערגיע אויף לאנג איילענד איז קריטיש-וויכטיג באשטאנדטייל נאכצוקומען די פאדערונגען. אין צוגאב צו

פראדוצירן ריינע ענערגיע קראפט איז עס ערווארטעט אז דער פארבעטונג וועט זיין א אונטערציינד-כוח צו מאכן וואקסן די לאנג איילענד-באזירטע סופליי-טשעין, פּאָרט אינפראסטרוקטור און שטיצן ארטיגע דזשאָב אנטוויקלונג אויף לאנג איילענד. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול׳ס בליק און אנטשלאסנקייט צו פאראויס-פירן און פארבעסערן ניו יארק׳ס באנייבארע ווינט-ענערגיע פארטפעל.״

**קלימאט און ריינע ענערגיע פראגראם, נאטורליכע פארמעגנס באשיצונגס קאונסיל, פארוואלטונג דירעקטאר קיט קענעדי האט געזאגט,** ״ים-ווינט ענערגיע שפילט א וויכטיגע ראלע ווען עס קומט צו ניו יארק איינפירן איר אמביציעזע קלימאט און ריינע ענערגיע לעגיסלאציע — די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. מיט א שטייגנדע צאל ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן וועלכע באקומען קאנטראקטן, איז ניו יארק ווייט אויפ׳ן וועג צו פארזיכערן אז 70 פראצענט פון דער סטעיט עלעקטרישע קראפט וועט קומען פון באנייבארע קוועלער ביז 2030. באנייבארע ים-ווינט ענערגיע העלפט צו רעדוצירן געפארפולע גרינהויז גאז עמיסיעס און פארזארגט טויזנטער גוט-באצאלטע ריינע ענערגיע דזשאָבס — אבער עס מוז געטאן ווערן אויף א קלוגן אופן וואס באשיצט אונזער ווערדפולע און עמפינדליכע ים באשעפענישן.״

**׳געבוי און קאנסטרוקציע האנדלס קאונסיל פון גרעיטער ניו יארק׳ פרעזידענט גערי לאבארבערא, האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין ים-ווינט ענערגיע אינפראסטרוקטור האט געשפילט א העכסט-נייטיגע ראלע אין ניו יארק ווערן אן אלוועלטליכער פירער אין באנייבארע ענערגיע, און גלייכצייטיג אויך שאפן טויזנטער מיטל-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן פאר אונזער סטעיט׳ס שווער-ארבעטנדע איינוואוינער. מער ווי אלעמאל נייטיגן מיר זיך אין פארזעצן ווייטער די ארבעט פון פינאנצירן ריינע ענערגיע איניציאטיוו וועלכע באקעמפן קלימאט ענדערונג און שאפן געלעגנהייט און סטאביליטעט פאר די האנדלסלייט וועלכע זענען פונדאמענטאל אין עררייכן די ענערגיע-גינציגקייט צילן. מיר אפלאדירן NYSERDA און גאווערנער האוקול פאר ווידעראמאל שטיין ביים שפיץ פון די פראיעקטן וועלכע וועלן נישט נאר אוועקשטעלן ניו יארק אלס פירער אין ווינט-ענערגיע שאפונג, נאר אויך פארזארגן און ערפילן דזשאָב געלעגנהייטן פאר אונזער ארבעטסקראפט.״

**ים-ווינט ענערגיע פראגראם דירעקטאר, נאציאנאלע באשעפעניש-וועלט פעדערעישען, עמבער היועט האט געזאגט,** ״ניו יארק זעצט פאר ווייטער נאכצויאגן ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג אויפ׳ן שנעלקייט און גרויסקייט וואס דער קלימאט קריזיס פארלאנגט. די אנאנסירונג העכערט ווידער די ניוואו. די נאציאנאלע באשעפעניש-וועלט פעדערעישען וועט ארבעטן מיט די האוקול אדמיניסטראציע, לעיבאָר, קאמיוניטי, אינדוסטריע פירער, און אונזערע צוזאמארבעטער אין אפהיט צו פארזיכערן אז ניו יארק׳ס ים-ווינט ענערגיע באמיאונגען הארכן סטעיקהאָלדער איינזאג און שפיגלען אפ די בעסטע וויסנשאפט וואס מיר פארמאגן צו באשיצן די באשעפעניש-וועלט.״

**NYC צענטראלע לעיבאָר קאונסיל פרעזידענט ווינסענט אלווארעז האט געזאגט,** ״די ניו יארק סיטי צענטראל לעיבאָר קאונסיל, AFL-CIO אפלאדירט NYSERDA פאר איר אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו שטארקע לעיבאָר סטאנדארטן בשעת מיר ציען זיך אריבער צו ריינע ענערגיע עקאנאמיע. די NYC לעיבאָר באוועגונג קוקט ארויס פארצוזעצן ווייטער צו ארבעטן מיט NYSERDA צו פארזיכערן אז בשעת מיר אינוועסטירן אין אונזער באנייבארע ענערגיע צוקונפט, אדרעסירנדיג קלימאט ענדערונג און העלפן עררייכן ענערגיע זעלבסטשטענדיגקייט, שאפן מיר אויך גוטע יוניאָן דזשאָבס און בויען שטארקע און ווידערשטאנד-פעאיגע עקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער.״

**׳סיטיזענס קאמפיין פאר דע ענווייראָנמענט׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר עדריענע עספאסיטא האט געזאגט,** ״איינשאפן נאך 2,000 מעגעוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע וועט ווייטער פירן ניו יארק׳ס וועג אלס א נאציאנאלע פירער אין דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג. ניו יארק און לאנג איילענד זענען אויף די פארנט ליניעס פון דעם קלימאט קריזיס, ים הייעך אויפשטייגונג, מאסיווע רעגן שטורעמעס,

האריקעינס און פלייצונג אינצידענטן האבן אנגעמאכט חורבנות אויף אונזערע בארטן קאמיוניטיס. ים-ווינט ענערגיע איז איינע פון אונזערע מערסט קריטיש-וויכטיגע געצייג וואס מיר האבן אויף צו באקעמפען קלימאט ענדערונג און די צייט צו טאן למעשה איז איצט. זיך אריבערציען פון פאָסיל-ברענשטאף איז איינע פון די גרעסטע היסטארישע ירושות וועלכע מיר קענען איבערלאזן פאר׳ן קומענדיגן דור. מיר לויבן NYSERDA און גאווערנער האוקול פאר׳ן ארבעטן אגרעסיוו צו איינפירן דעם סטעיט׳ס קלימאט געזעץ און שטיצן די אויפשטייגנדע ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע אין ניו יארק.״

**UPROSE עקזעקיוטיוו דירעקטאר עליזאבעט יעאמפיערע האט געזאגט,** ״אלס קלימאט יוסטיץ שתדלנים וועלכע האבן געארבעט צוויי צענדליג-יארן צו ברענגען ים-ווינט ענערגיע צו ניו יארק סיטי׳ס גרעסטע אינדוסטריעלע וואסער-ברעג, זענען מיר באגייסטערט פאר דער פארבעטונג צו מאכן מערקווירדיגע פארשריט אין פארזיכערן ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג איז א געלעגנהייט צו צענטרירן היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס וועלכע קענען פארשטעלן א אמת׳ע יושר׳דיגע טראנזיציע און מוסטער פאר׳ן לאנד. ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס זענען געווען די אומווילנדע גאסטגעבער פון פארפעסטנדע פאָסיל-ברענשטאף אינפראסטרוקטור פאר דורות, און מוזן געשטעלט ווערן אלס הויפט צילן פאר ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, ארטיג אויפנעמען, און קאמיוניטי באזיצערשאפט.״

**לאנג איילענד, קלימאט דזשאָבס ניו יארק, ראיאנישע דירעקטארין מאריא דיגנען האט געזאגט,** ״ווען באנייבארע ענערגיע ווערט געבויט, אפעריערט און פראדוצירט דורך יוניאָניזירטע ארבעטער, איז עס גוט פאר׳ן פלאנעט, גוט פאר ארבעטער פאמיליעס, און בויט לעבהאפטיגע ארטיגע קאמיוניטיס. ׳קלימאט דזשאָבס ניו יארק׳ ווערט געמוטיגט דורך די הויפט צילן אויסגעלייגט אין דעם סטעיט׳ס דריטער ים-ווינט ענערגיע פארבעטונג און קוקט ארויס צו ארבעטן מיט אויפבאטער אויף צו פארזיכערן פראיעקט אנטוויקלונג און סופליי-טשעין אינוועסטירונג פלענער זענען גוטע יוניאָן דזשאָבס איבער דער גאנצער אינדוסטריע.״

צו סטראטעגיש פאראויס-פירן ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג אין ניו יארק און דעם ראיאן צו זיין איינשטימיג מיט גאווערנער האוקול׳ס [סטעיט אָוו דע סטעיט הויפט צילן,] NYSERDA האט אנגעהויבן א ניו יארק סטעיט קעיבל-דראטן אפשאצונג שטודיע צו העלפן אידענטיפיצירן איינגעהאלטענע און סטראטעגישע ים-ווינט ענערגיע קעיבל-דראטן וועגן צוצוקומען צו הויפט פונקטן פון אינערליך-באהאפטנקייט אויף דעם גריד ווי אויך דעם [ים-ווינט ענערגיע מייסטער פלאן 2.0: ׳דיעפּ וואָטער׳.]

ניו יארק סטעיט האט איצט פינף ים-ווינט ענערגיע פראיעקטן אין אקטיווע אנטוויקלונג, דער גרעסטער פארטפעל אין דעם לאנד. דער אנגעהויבענער פארטפעל אנטהאלט א סך הכל פון איבער 4,300 מעגוואַטס, און וועט געבן עלעקטרישע קראפט פאר איבער 2.4 מיליאן ניו יארקער שטובער, און איז ערווארטעט צו ברענגען א קאמבינירטע עקאנאמישע השפעה פון 12.1 ביליאן דאלער צו דעם סטעיט. די פראיעקטן זענען אויך ערווארטעט צו שאפן איבער 6,800 דזשאבס אין פראיעקט אנטוויקלונג, שטאנדטייל פאבריצירונג, אינסטאלאציע און אפעראציעס און אויסהאלטונג. דערגרייכן די סטעיט׳ס 9,000 מעגעוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז 2035 ציל וועט שאפן גענוג ענערגיע קראפט צו באקרעפטיגן אומגעפער 30 פראצענט פון ניו יארק סטעיט׳ס עלעקטרישע קראפט געברויכן, וואס איז גלייך מיט באלד 6 מיליאן ניו יארק סטעיט וואוינונגען, און טרייבן אומגעפער 10,000 דזשאבס.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן אריינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט

פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו עררייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 35 ביליאן דאלער אין 120 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיעס, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

**וועגן NYSERDA**

NYSERDA, א פובליק בענעפיט קארפארעישען, טוט אנבאטן אביעקטיווע אינפארמאציע און אנאליז, המצאה׳דיגע פראגראמען, טעכנישע פראקטיק, און פינאנסירונג צו העלפן ניו יארקער העכערן די ענערגיע פונקציע, שפארן קאסטן, ניצן באנייעוודיגע ענערגיע, און רעדוצירן דאס זיך פארלאזן אויף פאסיל ברענווארג. NYSERDA פראפעסיאנעלן ארבעטן אפצוהיטן דער ענווייראנמענט און שאפן ריינע ענערגיע דזשאבס. NYSERDA שטעלט איין מיטארבעטשאפטן צו אוואנסירן אינאווירנדע ענערגיע לייזונגען אין ניו יארק סטעיט זייט 1975. אויף אויסצוגעפונען מער וועגן דעם NYSERDA פראגראמען און פינאנסירונג געלעגנהייטן, באזוכט nyserda.ny.gov אדער פאלגט אונז נאך אויף טוויטער, פעיסבוק, יו-טוב, אדער אינסטעגרעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן